בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



קרח

ה' תמוז תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:10 |
| מוצש"ק | 8:28 |
| ר"ת | 9:03 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:15 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון קצ"ב

שנה ד'


## טיב הפרשה

# ונצעק אל ה' אלקינו

## בעטן מיט ענווה - א סגולה אז די תפילה זאל נתקבל ווערן

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר ווי אזוי משה רבינו האט געשיקט א שליחות צו דער קעניג פון אדום ער זאל אריבערלאזן כלל ישראל פון זיין לאנד.

אין די שליחות שילדערט משה רבינו די השתשלשלות פון כלל ישראל און אלעס וואס עס איז אריבער אויף איר, און ער דערציילט אים אז ווען מיר זענען געווען אין מצרים האבן מיר געשריגן צו הקב"ה און הקב"ה האט געהערט אונזער געבעט.

רש"י אויפ'ן ארט לייגט צו אן אינטערעסאנטער ווארט. ער צייכענט אן אז די סגולה אז מיר שרייען צו הקב"ה און מיר ווערן געענטפערט דערביי, האבן מיר בקבלה פון אונזער זיידע יעקב אבינו, און אז ער האט עס מקבל געווען פון זיין פאטער יצחק אבינו ביי די ברכות ווען יעקב אבינו האט אים געזאגט 'הקול קול יעקב' און מגלה געווען די סגולה אז ווען א איד איז אין א צרה שרייט ער צו הקב"ה און הקב"ה ענטפערט זיין געבעט.

בדרך אפשר קען זיין אז וועגן דעם דערמאנט די תורה הק' דא דער געדאנק ווי אזוי די תפילה פון א איד ווערט נתקבל, אז מיר זאלן זיך פון דעם ארויסלערנען אויף אנדערע מצבים ווי אזוי א איד דארף דאווענען און ווי אזוי ער קען זוכה זיין אז זיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, ווייל די תפילה האט כלל ישראל מתפלל געווען אין מצרים.

די אידן אין מצרים זענען געווען אין א ספעציעלער מצב. פון איין זייט זענען זיי געווען בני אברהם יצחק ויעקב, אבער מצד שני זענען זיי געווען געפאנגען אין מצרים. האלטנדיג איידער קבלת התורה האבן זיי נישט געהאט קיין שום זכות מיטוואס צו צוגיין צום טיש. נישט נאר האבן זיי נישט געהאט קיין זכותים, נאר זיי זענען אויך געווען שקוע אין די מ"ט שערי טומאה, און זייענדיג אין אזא נידריגע מצב האבן זיי געהאט איין זאך וואס זיי האבן געקענט טון, און דאס איז צו מתפלל זיין פאר הקב"ה, און דאס האבן זיי געטון און דאס האט זיי געהאלפן.

די עצה איז אן עצה טובה פאר יעדן איד אין יעדן מצב. עס טרעפט זיך אסאך מאל אז אידן זענען אנגעוויזן אויף רחמי שמים מרובים. מ'דארף א ישועה און דער איד איז מתפלל מעומק הלב, אבער די תוה"ק עצה'ט אים דא אז אויב ער וויל אז זיינע תפילות זאלן נתקבל ווערן זאל ער זיך פירן ווי מ'האט זיך געפירט אין מצרים ווען מ'האט געשריגן דער 'ונצעק' געשריי.

אין מצרים האט קיין שום איד נישט געהאט קיין הוה אמינא אז עס קומט אים עפעס, אז ער איז ווערד די ישועה. יעדער איד האט געוואוסט ביי זיך אז ער איז ליידיג פון מצוות און זיין געשריי איז געווען א געשריי פון בקשה, אז מ'זאל זיך מרחם זיין אויף אים, אן קיין זכותים, און אזא תפילה ווערט נתקבל שנעלער און

## טיב המערכת

# פְּנֵי אֹהֶל מוֹעֵד

עס ווערט דערציילט אויף איינער פון די גדולי החסידים וועלכער האט זייער געוואלט און אויסגעקוקט צו פארן צו זיין רבי, אבער דערנאך האט ער אנגעהויבן צו טראכטן, וואס וועט געשען אויב אויפן וועג וועל איך ח"ו זען א רְאִיָּה אֲסוּרָה, ווייל דעמאלטס איז מיר נישט ווערד די גאנצע נסיעה צום רבי'ן, און עס איז דאך יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, און אזוי איז די רייזע געווארן אפגעשטופט נאכאמאל און נאכאמאל, צוליב זיין גרויסן שרעק פון זיך מטמא זיין די אויגן חלילה.

כדי צו פארשטיין ווי די גרויס דער כח פון 'זען' איז, קען מען זען אין די פרשה פון די וואך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין אנהייב פון די פרשה, "וְהִזָּה אֶל נֹכַח פְּנֵי אֹהֶל מוֹעֵד", און רש"י איז מפרש אויפן פלאץ, 'עוֹמֵד בְּמִזְרָחוֹ שֶׁל יְרוּשָׁלַיִם, וּמִתְכַּוֵּן וְרוֹאֶה פִּתְחוֹ שֶׁל הֵיכָל בִּשְׁעַת הַזָּאַת הַדָּם', זעט מען פון דעם ווי חשוב איז דאס זען, ווייל כדי די פרה אדומה זאל מטהר זיין דער וואס איז געווען טמא, דארף דער כהן זען דעם טיר פונעם היכל אינדערצייט וואס מען שפריצט די בלוט! אזוי אויך ווייטער אין די פרשה ווערט דערציילט וועגן די נְחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וואס דער אויבערשטער האט געשיקט און זיי האבן געביסן דעם פאלק, און דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו "עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף וְשִׂים אֹתוֹ עַל נֵס וְהָיָה כָּל הַנָּשׁוּךְ וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי", און די משנה פרעגט 'וְכִי נָחָשׁ מֵמִית אוֹ נָחָשׁ מְחַיֶּה'? ענטפערט די משנה, 'אֶלָּא בִּזְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְרַפְּאִים, וְאִם לָאו הָיוּ נִמּוֹקִים', אויך דא זעען מיר דאס חשיבות פון זען, און פון קוקן, אז עס גייט אזוי ווייט אז די גאנצע לעבן פונעם מענטש איז געווען געווענדן אין וואו ער וועט קוקן אין יענעם רגע, אויב ער האט געקוקט כְּלַפֵּי מַעְלָה איז זיין לעבן געראטעוועט געווארן, און טאמער נישט – איז ער געשטארבן.

אין אמת'ן אריין דארף מען וויסן אז די אויגן האבן א געוואלדיגער כח, ווייל די גאנצע לעבן פונעם מענטש ווענדט זיך אין זיין שְׁמִירַת עֵינַיִם, זיין הצלחה ברוחניות, און אוודאי אויך זיין הצלחה בגשמיות, און אויך זיין הצלחה מיט זיינע חברים און זיין משפחה, און מיט זיין שלום בית – אלעס ווענדט זיך אין די שמירת עינים. ווען מען לערנט זיך אויס וויאזוי צו פירן א קאר, איז דא א וויכטיגער כלל אז 'דארט וואו די אויגן קוקן, אהין פירן די הענט', און דאס איז א געוואלדיגער לימוד פון מוסר, אז דארט וואו די אויגן קוקן, אהין פירט די מחשבה און צו דארט וועלן די מעשים גיין, און א מענטש קען נישט זיין אז דאס זען איז נישט משפיע אויף אים, ווייל אויך אויב ער ווייסט נישט אדער ער איז נישט מודה אין דעם, טוט דאס זען שטארק משפיע זיין, און וואויל איז דער וואס איז זוכה צו היטן זיינע אויגן בטהרה.

(עפ"י טיב התורה – חוקת)


טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

שטערקער.

ווען א איד דאווענט און בעט רחמנות אויף זיך און בעט נישט בלשון אז עס קומט אים אדער אז ער איז ווערד - נאר ער זאגט אז עס קומט אים נישט - ווערן זיינע תפילות נתקבל ברחמים וברצון.

בשם דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע זאגט מען נאך אז אנדערש ווי דער מענטש טראכט אז ווען ער בעט עפעס בזכותו וועלן זיינע תפילות נתקבל ווערן איז די מציאות ביי א איד. דער חוזה גיבט צו פארשטיין אז ווען א איד בעט בזכותו און ער איז טאקע א צדיק און ער בעט בצדקותו איז מען חושש אין הימל נאכצוגעבן זיין בקשה, ווייל מ'האט מורא אז אויב ער וועט זען אז מען איז ממלא זיין בקשה - וועט ער קומען דורך דעם צו גאוה.

אבער ווען א איד בעט שלא בזכותו - ווי אן עני בפתח - איז נישט דא קיין חשש ער זאל אנקומען צו גאוה, און זיינע תפילות ווערן נתקבל לרחמים ולרצון.

די בחינה איז אויך מרומז אין תהלים [לד, ז] זֶה עָנִי קָרָא וַה' שָׁמֵעַ וּמִכָּל צָרוֹתָיו הוֹשִׁיעוֹ - אז ווען א איד בעט אין די בחינה פון 'עני' אז ער איז אן ארעמאן און אז עס קומט אים גארנישט - ווערט מקויים דער וַה' שָׁמֵעַ, אז הקב"ה הערט זיין געבעט און זיין תפילה ווערט נתקבל לרחמים ולרצון.

אין דער זעלבער מזמור זעט מען מער ווי דעם. אביסל שפעטער זאגט דוד המלך [יז, יט] פְּנֵי ה' בְּעֹשֵׂי רָע לְהַכְרִית מֵאֶרֶץ זִכְרָם. צָעֲקוּ וַה' שָׁמֵעַ וּמִכָּל צָרוֹתָם הִצִּילָם. קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב וְאֶת דַּכְּאֵי רוּחַ יוֹשִׁיעַ.

דא רעדט דוד המלך אויך אויף א איד וואס איז לײדער אין די בחינה פון 'עושי רע' און אז זיינע מעשים האבן גורם געווען אז עס זאל נגזר ווערן אויף אים 'לְהַכְרִית מֵאֶרֶץ זִכְרָם', איז אבער דא פאר אים די עצה אז ער זאל בעטן הקב"ה אין די בחינה פון 'נִשְׁבְּרֵי לֵב', און דאן וועט ער זוכה זיין צו די ישועה.

די זעלבע געדאנק טרעפן מיר אין הלל [תהלים קטז ג, ו] וואו דוד המלך שילדערט די שוועריגקייטן וואס א איד גייט אריבער, און אז עס איז אנגעקומען צו די בחינה פון 'אפפנו חבלי מות' און צו די מאמענטן ווען ער האט זיך געשפירט אין א מצב פון 'מְצָרֵי שְׁאוֹל מְצָאוּנִי', און אז די ישועה איז געקומען צוגיין דורך דער 'דַּלֹּתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ', אז דער איד האט זיך איינגעבעטן ביי הקב"ה אראפלייגענדיג א מצב פון 'דלות' אז ער איז גארנישט און אז ער קען גארנישט נאר ער בעט רחמי שמים ביי הקב"ה.

די עצה איז אן עֵצָה מֻבְהֶקֶת און די בעסטע סגולה אז מ'זאל זוכה זיין אז די תפילות זאלן שטענדיג נתקבל ווערן לרחמים ולרצון לפני אדון הכל - אויך ווען עס קומט זיך נישט פאר'ן איד.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל זוכה זיין דערצו, און אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון לפני אדון כל אייביג און אין יעדן מצב וואס א איד געפינט זיך.




# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזך לײנעדס

## א חתן ש"ס אויף יום טוב

מיט א דאנק צום טאטן אין הימל, האב איך א כלה אין שטוב, איך גרייט זיך איר צו פירן אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת.

ווען איך האב א שידוך געטון האבן מיר באקאנטע געזאגט אז כ'וועל זיך זען אז ווען א איד טוט א שידוך עפענט זיך א קראן פון הימל און די שפע רינט אראפ בשפע רב, אז איך האב נישט וואס צו זארגן.

איך האב געהערט וואס מ'זאגט מיר, אבער איך בין געבליבן היבש סקעפטיש אויב עס גייט אזוי זיין צי נישט. ברוך ה' אז איך האב זוכה געווען צו זען אפענע זאכן און ווי אזוי מ'פירט מיר פון הימל אויף טריט און אויף שריט.

מען האלט יעצט געציילטע וואכן נאך שבועות און כ'וויל מיטטיילן א מעשה וואס איך האב געהאט פאר יום טוב שבועות.

דער שטייגער איז אז מ'שיקט מתנות פאר דעם חתן אויף יום טוב, איך האב געזוכט וועלכע מתנה איך קען קויפן אויף שבועות. איך האב זיך נאכגעפרעגט ביי באקאנטע און מען האט מיר גע'עצה'ט אז כ'זאל שיקן א ש"ס.

איך האב שוין געוואוסט וואס כ'וויל קויפן, אבער קיין געלט עס צו קויפן האב איך נישט געהאט, איך האב זיך פארבינדן מיט מיינער א באקאנטער וואס פארקויפט ספרי קודש און זיך אינטערעסירט ביי אים אויף פרייזן, און אויך צי עס וועט נאך קענען אנקומען צום חתן אין שטוב פאר יום טוב.

דער איד האט מיר געזאגט אז די פרייז דערפאר איז 1750 שקל און אז כ'קען באצאלן מיט קעש אדער קרעדיט קארטל אדער גאר מיט א טשעק. איך האב געזאגט פאר'ן איד אז אזוי ווי איך האב נאכנישט דאס געלט - ווייס איך נאכנישט ווי אזוי כ'וועל עס באצאלן, און אז ווען כ'וועל האבן דאס געלט וועל איך זיך פארבינדן מיט אים.

דער פארקויפער האט צוגעלייגט אז ער קען זיך נישט פארפליכטן אז עס וועט זיין אין צייט, אבער ער וועט טון דאס בעסטע וואס ער קען נאר. איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן און מתפלל געווען פאר הקב"ה ער זאל מיר מזמין זיין דאס געלט וואס כ'דארף האבן צו קענען קויפן א ש"ס פאר'ן חתן.

צוויי טעג פאר שבועות האט א איד מיר געברענגט $500 א מתנה זוכנדיג מיר צו שטיצן זינט איך גיי חתונה מאכן א קינד. איך האב זיך באדאנקט פאר דעם איד און נאכ'ן אויפטוישן די געלט אויף שקל האב איך געהאט ביי מיר די סומע פון 1780 שקל.

איך האב זאפארט אנגעקלינגען דער פארקויפער און אים געזאגט אז איך האב דאס געלט אין קעש און אז ער קען עס קומען אויפפיקן פון מיר אין שטוב. א שעה שפעטער איז דער איד געקומען צו גיין זאגנדיג אז בעצם איז ער זייער פארנומען אין די טעג אבער זינט ער איז אנגעוויזן אויף קעש געלט איז ער גלייך געקומען עס נעמען.

דער איד האט גענומען דאס געלט און צוגערעכענט נאך 30 שקל דעליווערי געלט, אז אלעס אינאיינעם איז אנגעקומען צו די סומע פון 1780 שקל, די גענויע סומע וואס איך האב באקומען פון דעם איד.

איך האב געזען בחוש ווי מען שטעלט מיר אלעס צו פון הימל אז איך זאל האבן וואס כ'דארף ממש אויפ'ן האר און אז עס זאל גארנישט פעלן.

איך בין מפרסם די מעשה אז אנדערע אידן זאלן עס וויסן און ארויסנעמען א חיזוק פון איר, און אויך מקיים צו זיין דער 'ובתוך רבים אהללנו'.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: א. ל.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

**עס ווערט דערציילט אויף איינער פון די גדולי החסידים וועלכער האט זייער געוואלט און אויסגעקוקט צו פארן צו זיין רבי, אבער דערנאך האט ער אנגעהויבן צו טראכטן, וואס וועט געשען אויב אויפן וועג וועל איך ח"ו זען א רְאִיָּה אֲסוּרָה, ווייל דעמאלטס איז מיר נישט ווערד די גאנצע נסיעה צום רבי'ן, און עס איז דאך יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, און אזוי איז די רייזע געווארן אפגעשטופט נאכאמאל און נאכאמאל, צוליב זיין גרויסן שרעק פון זיך מטמא זיין די אויגן חלילה.**

**כדי צו פארשטיין ווי די גרויס דער כח פון 'זען' איז, קען מען זען אין די פרשה פון די וואך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אין אנהייב פון די פרשה, "וְהִזָּה אֶל נֹכַח פְּנֵי אֹהֶל מוֹעֵד", און רש"י איז מפרש אויפן פלאץ, 'עוֹמֵד בְּמִזְרָחוֹ שֶׁל יְרוּשָׁלַיִם, וּמִתְכַּוֵּן וְרוֹאֶה פִּתְחוֹ שֶׁל הֵיכָל בִּשְׁעַת הַזָּאַת הַדָּם', זעט מען פון דעם ווי חשוב איז דאס זען, ווייל כדי די פרה אדומה זאל מטהר זיין דער וואס איז געווען טמא, דארף דער כהן זען דעם טיר פונעם היכל אינדערצייט וואס מען שפריצט די בלוט! אזוי אויך ווייטער אין די פרשה ווערט דערציילט וועגן די נְחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וואס דער אויבערשטער האט געשיקט און זיי האבן געביסן דעם פאלק, און דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו "עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף וְשִׂים אֹתוֹ עַל נֵס וְהָיָה כָּל הַנָּשׁוּךְ וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי", און די משנה פרעגט 'וְכִי נָחָשׁ מֵמִית אוֹ נָחָשׁ מְחַיֶּה'? ענטפערט די משנה, 'אֶלָּא בִּזְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִין כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם הָיוּ מִתְרַפְּאִים, וְאִם לָאו הָיוּ נִמּוֹקִים', אויך דא זעען מיר דאס חשיבות פון זען, און פון קוקן, אז עס גייט אזוי ווייט אז די גאנצע לעבן פונעם מענטש איז געווען געוואנדן אין וואו ער וועט קוקן אין יענעם רגע, אויב ער האט געקוקט** כְּלַפֵּי מַעְלָה **איז זיין לעבן געראטעוועט געווארן, און טאמער נישט – איז ער געשטארבן.**

**אין אמת'ן אריין דארף מען וויסן אז די אויגן האבן א געוואלדיגער כח, ווייל די גאנצע לעבן פונעם מענטש ווענדט זיך אין זיין** שְׁמִירַת עֵינַיִם, **זיין הצלחה ברוחניות, און אוודאי אויך זיין הצלחה בגשמיות, און אויך זיין הצלחה מיט זיינע חברים און זיין משפחה, און מיט זיין שלום בית – אלעס ווענדט זיך אין די שמירת עינים. ווען מען לערנט זיך אויס וויאזוי צו פירן א קאר, איז דא א וויכטיגער כלל אז 'דארט וואו די אויגן קוקן, אהין פירן די הענט', און דאס איז א געוואלדיגער לימוד פון מוסר, אז דארט וואו די אויגן קוקן, אהין פירט די מחשבה און צו דארט וועלן די מעשים גיין, און א מענטש קען נישט זיין אז דאס זען איז נישט משפיע אויף אים, ווייל אויך אויב ער ווייסט נישט אדער ער איז נישט מודה אין דעם, טוט דאס זען שטארק משפיע זיין, און וואויל איז דער וואס איז זוכה צו היטן זיינע אויגן בטהרה.**

**(עפ"י טיב התורה – חוקת)**

**טיב המעשיות**

**אֱמוּנָה מִיט תְּמִימוּת**

**"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר. זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר, דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ" (יט, א-ב).**

אינעם פירוש **מהר"י קארו ז"ל [פון דער הייליגער בית יוסף] על התורה**, ווערט געפרעגט, פארוואס האט דער פסוק איבערגעזאגט די ווארט **"לֵאמֹר"**, נאכדעם וואס אינעם ערשטן פסוק שטייט שוין "וַיְדַבֵּר ה' כו' **לֵאמֹר**", וואס די ווארט 'לֵאמֹר' מיינט צו זאגן אז די פרשה איז געזאגט געווארן פאר אלע אידן אזוי ווי אלע אנדערע פרשיות אין די תורה, אבער אויב אזוי פארוואס דארף שטיין נאכאמאל אינעם צווייטן פסוק "אֲשֶׁר צִוָּה ה' **לֵאמֹר**".

אויך וואלט געדארפט פריער שטיין "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", און נאכדעם "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ וגו'". אויב אזוי, פארוואס שטייט

## פְּנֵי אֹהֶל מוֹעֵד

**"קֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה וכו'"**

**רש"י טז, ז**

צום ערשט 'זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה'', און נאר נאכדעם שטייט 'דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל', וואס פון דעם וואלט אויסגעזען אז פאר די אידישע קינדער פעלט נישט אויס צו זאגן אז עס איז א חֻקַּת הַתּוֹרָה, און דאס דארף מען דאך פארשטיין.

נאר ער ענטפערט בְּטוּב טַעַם, לויט די דרשה פון די הייליגע חז"ל וואס ווערט געברענגט אין די ווערטער פון **רש"י** הקדוש אין אנהייב פון די פרשה, ערקלערנדיג דעם טעם פארוואס עס שטייט **"חֻקָּה"** ביי פרה אדומה: "לְפִי שֶׁהַשָּׂטָן וְאֻמּוֹת הָעוֹלָם מוֹנִין אֶת יִשְׂרָאֵל לוֹמַר, מַה הַמִּצְוָה הַזֹּאת, וּמַה טַעַם יֵשׁ בָּהּ. – לְפִיכָךְ כָּתַב בָּהּ 'חֻקָּה', גְּזֵרָה הִיא מִלְּפָנַי וְאֵין לְךָ רְשׁוּת לְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ".

אבער דאס אלעס איז נאר געזאגט געווארן פאר די וועלכע טוען חלילה נאכטראכטן נאך די תורה און שטעלן זיך ח"ו קעגן די תורה, אזוי ווי די ווערטער פון דער שטן און די אומות העולם. אבער הייליגע אידישע קינדער, זֶרַע קֹדֶשׁ, וועלן גארנישט נאכטראכטן נאך השי"ת, נאר מען נעמט אלעס אן מיט ריינע און לויטערע אמונה.

דעריבער זאגט די תורה הקדושה: "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה'" – און דער טעם פארוואס מען דארף דערמאנען אז עס איז א 'חֻקָּה' וואס דער אויבערשטער האט באפוילן – דאס איז נאר **"לֵאמֹר"**, צו זאגן פאר די אומות העולם וועלכע טוען נאכטראכטן נאך די תורה, אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן אונז 'וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס' (אבות ב, יד). אבער פאר הייליגע אידישע קינדער איז נישטא קיין שום אונטערשייד צווישן א 'חק' און א 'מצוה', נאר אלעס ווערט געטון און אויסגעפירט מיט פולשטענדיגע תמימות און ליבשאפט. און דעריבער זאגט דער פסוק "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ וגו'", ווייל פאר זיי דארפסטו בכלל נישט זאגן 'חֻקָּה', וויבאלד זיי נעמען אלעס אן מיט תמימות און געטריישאפט אן קיין שום חילוק, און זיי וועלן גארנישט נאכטראכטן נאכן אויבערשטן חלילה, נאר אננעמען אלעס מיט די לעבטיגע מדה פון **הִשְׁתַּוּוּת, וְשִׂפְתֵי פִּי חָכָם חֵן.**

***

**מוהר"ר בעריש** איז געווען א גרויסער עושר, און ער איז געווען פון די גרויסע און נאנטע אנהענגער פון **הרה"ק רבי אברהם המלאך זצוק"ל, זון פון דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע**, צו וועמען ער פלעגט פארן גאנץ אפט, און מקבל זיין פון אים פולע הויפענעס תורה און יראת שמים.

דאס גרויסע עשירות פון רבי בעריש, איז טאקע געווען מלא וגדוש מיט פילע שטחים און פארמעגנס, **כְּיַד ה' הַטּוֹבָה עָלָיו**, אבער דאס 'לעבנס גליק' איז ליידער געווען זייער ווייט פון אים. – אזוי ווי עס איז באוואוסט, אז נישט שטענדיג גייט דאס עשירות און דאס גליק צוזאמען...

דאס לעבן פון רבי בעריש איז אויך געווען 'רייך' און 'זאט' מיט פילע ערליי 'מרור'... א שלעכטע און שווערע ווייב איז געווען זיין טייל, גיסנדיג איבער אים פילע און שווערע מיטמאכענישן. זי האט אים שטענדיג דערביטערט זיין לעבן, און ער האט נישט געפינען קיין רו פאר זיין זעל. אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן עדות (ביצה לב:) אז **חַיָּיו אֵינָם חַיִּים**, און ווי שלמה המלך זאגט אין קהלת (ז, כו) "וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה", רחמנא ליצלן.

אבער א חסיד ווי רבי בעריש וועט זיך נישט לאזן פארצווייפלען. זייענדיג אן אמת'ער ערליכער איד, האט ער אנגענומען די גזירת שמים מיט ליבשאפט און בתמימות, און ער האט ווייטער געצויגן זיין סדר אין לעבן זייענדיג אונטער איין דאך מיט די שלעכטע ווייב וואס דער אויבערשטער האט אים צוגעשטעלט.

ביי איינע פון זיינע נסיעות צו זיין גרויסן רבי'ן, דער הייליגער 'מלאך', איז ווען רבי בעריש איז געזעצן און האט געשריבן דעם קוויטל, אויסרעכענענדיג די נעמען פון זיין בני בית און קינדער, און אלע זיינע באדערפענישן און וואונטשן, איז אים איינגעפאלן אז אייגנטליך איז נישט ריכטיג אז ער זאל באהאלטן פונעם הייליגן רבי'ן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים ביי זיך אינדערהיים. וויבאלד ביי יעדע צרה, א קליינע א גרויסע, וואס איז דא ביי א מענטש, דארף ער מתפלל זיין פאר השי"ת דערויף, און אויך בעטן פונעם צדיק אז ער זאל דאווענען פאר אים אז ער זאל האבן א ישועה. דעריבער האט ער צוגעלייגט עטליכע ווערטער אינעם קוויטל, אז ער זאל געהאלפן ווערן אינעם ענין פון **"שלום בית"**.

ווען ער איז אריינגעגאנגען אֶל הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה, האט ער דערלאנגט דעם קוויטל מיטן פדיון־נפש צום הייליגן רבי'ן ווי דער שטייגער, און ווען דער רבי האט געליינט דער קוויטל האט ער צוגעגעבן און ערקלערט איבער זיין גרויסן צרה, וואס ער ליידט אזוי שטארק פון זיין ווייב וואס דערביטערט אים שטענדיג די לעבן. – אבער צו זיין גרויסן וואונדער האט דער רבי דאס אויפגענומען מיט א קאלטקייט. ער האט אים געבענטשט אין אלגעמיין אויף דאס וואס איז געשטאנען אין די קוויטל, און איבערן ענין פון 'שלום בית' וואס ער האט געבעטן, האט דער רבי גארנישט דערמאנט.

אלץ א געטרייער און פארשטענדליער חסיד, האט רבי בעריש פארשטאנען דערפון, אז ער זאל נישט מאכן דערפון קיין גרויסן 'עסק', און דעריבער האט ער ווייטער געליטן שטילערהייט אלע צרות וואס זיין ווייב האט אים צוגעטיילט.

***

א גוטער חבר און נאנטער ידיד האט רבי בעריש געהאט, מיטן נאמען **רבי חיים מענדל**, וועלכער איז אויך געווען זייער רייך און פארמעגליך, און אויך ער איז געווען פון די חסידים פון דער הייליגער **מלאך**. רבי בעריש און רבי חיים מענדל זענען געווען זייער גוטע פריינד, ידידים בלב ונפש, און זיי פלעגן שטענדיג פארן צוזאמען די 'נסיעות' צום הייליגן רבי'ן, און צוזאמען פלעגן זיי זיך אויפהאלטן אין זייער באשטימטן 'אכסניא' זייענדיג ביים רבי'ן, און האבן צוזאמען עוסק געווען בתורה ועבודה שטענדיג. זייער נאנט זענען זיי געווען איינער צום אנדערן, ווען יעדער איינער האט גוט געוואוסט אלעס וואס גייט אריבער אויף זיין פריינד, ווי דער שטייגער פון חסידים פון אייביג אן, זיך אומצוקוקן מיט געוואלדיגע אחדות און ליבשאפט צווישן איינער און דעם אנדערן, כאיש אחד בלב אחד.

אויך רבי חיים מענדל האט געהאט נישט קיין קליינע 'צרה', יעדער איינער מיט זיין 'פעקל'... – וויבאלד זיין עיקר האנדל איז געווען מיט **ריעל עסטעיט (נדל"ן)**, האט ער בלויז געהאנדלט מיט קאויפן און פארקויפן שטחים און הייזער, ער פלעגט טרעפן דירות אדער פעלדער און שטחים אין פארשידענע פלעצער וואס האבן אויסגעזען אז מען קען פארדינען פון זיי, ער פלעגט דא און דארט אביסל איבערבויען אדער אויסבעסערן די נכסים [פראפערטיס], און ווארטן פאר א שעת הכושר און עס פארקויפן ווייטער. – אבער זיינע אלע געלט איז שטענדיג געווען אינוועסטירט אין זיינע פילע געשעפטן, לויט די עצה פון זיין הייליגער

רבי אז ער זאל נישט איבערלאזן קיין קעש־געלט ביי זיך, אלץ זארג טאמער דאס געלט וועט אויסגעברענגט ווערן אזוי ווי דאס טרעפט זיך אפט, און אלע געלט וואס ער האט פארדינט ביי זיינע געשעפטן, איז גלייך אריינגעאנגען אין א נייע געשעפט, איינצוקויפן נייע אומבאוועגליכע נכסים, **נִכְסֵי דְּלָא נַיְדֵי**.

אט די הנהגה וואס רבי חיים מענדל האט זיך געפירט לויטן באפעל פון זיין רבי, פלעגט אים אפטמאל שווערמאכן מיטן פירן זיינע געשעפטן, אזוי ווי עס איז באוואוסט אז אין די מארק פון דירות און שטחים (ריעל עסטעיט/נדל"ן) מאכן זיך נישט וויניג 'איבערראשונגען' און גוטע מציאות, וואס א גוטער און ערפארענער סוחר פראבירט נישט צו פארפאסן אזעלכע גאלדענע געלעגנהייטן, און ער דארף זיין גרייט אריינצוטאנצן אן זיך צו פארזוימען. – אבער וויבאלד ער האט נישט געהאט קיין גרייטע קעש־געלט, איז אים שווער געווען צו שטיין אין די צאלונגען, און דעריבער ווען עס איז געקומען די צייט צו באצאלן, פלעגט ער עס טון דורך אנדערע מיטלען. צומאל פלעגט ער אויסשפרייטן דאס באצאלן אויף קלענערע צאלונגען (תשלומים/פעימענטס), אדער ווען ער האט געדארפט צאלן די גאנצע געלט אין קעש, פלעגט ער שאפן גרעסערע הלוואות, און פארלאזנדיג זיך אויף זיינע פילע פארמעגנס, איז אים געלונגען צו שאפן הלוואות גרינגערהייט און גלייך אויפן פלאץ.

אזוי האט זיך רבי חיים מענדל אלעמאל געפינען אין א צושטאנד, וואס ער איז געווען ארומגערינגלט מיט פילע בעלי חובות וואס האבן אים נישט אויפגעהערט צו נאכיאגן, און אויך דערביטערן זיין לעבן מיט אלע ערליי וועגן, פאדערנדיג זייער געלט וואס ער האט געבארגט פון זיי, און וויבאלד עס איז אים נישט געלונגען צו באצאלן אינדערצייט, האבן זיי אים פארשאפט פילע ליידענישן.

אויך רבי חיים מענדל איז אריינגעאנגען צום הייליגן רבי'ן ביי די זעלבע נסיעה, און אזוי ווי זיין חבר רבי בעריש האט ער אויך דערמאנט זיין צרה אינעם קוויטל וואס ער האט דערלאנגט פארן צדיק, און דערביי האט ער אויך צוגעגעבן צו ערקלערן פארן רבי'ן זיינע פילע מיטמאכענישן פון די רדיפות פון די בעלי חובות וואס ער איז זיי שולדיג געלט. – אבער צו זיין וואונדער, האט זיך דער רבי אויך פון זיין בקשה נישט וויסנדיג געמאכט, אזוי ווי פון די בקשה פון זיין חבר רבי בעריש. דער רבי האט אים נאר געווינטשן בכללות אויפן קוויטל, און האט גארנישט רעאגירט וועגן די צרה פון די בעלי חובות וואס דרוקן אים פאר זייער געלט.

אבער אנדערש ווי זיין חבר רבי בעריש וועלכער האט משלים געווען מיט זיין צרה פארשטייענדיג אז ער דארף אזוי טון לויט די שווייגן פון זיין רבי, האט אבער רבי חיים מענדל זעענדיג אז דער רבי באציט זיך נישט צו זיין בקשה, באשלאסן אז ער גייט אליין עפעס טון, און צושטערן דעם עצה און באפעל וואס דער רבי האט אים אנגעזאגט אז ער זאל נישט האלטן ביי זיך קעש־געלט. צוליב דעם גרויסן דרוק פון די מאָנער, איז ער געווען געצוואונגען צו פארקויפן א טייל פון זיינע פארמעגנס, און די געלט וואס ער האט באקומען פאר זיי האט ער געהאלטן ביי זיך, און אזוי, נאך עטליכע גוטע מְכִירוֹת איז זיין קעשענע געווען גוט אנגעפילט מיט קעש־געלט... און ער האט גלייך באצאלט אלע זיינע חובות ביז צו די לעצטע פרוטה, און דעמאלטס האבן אלע בעלי חובות אים אויפגעהערט צו מוטשען און פייניגן.

עס האט אבער נישט געדויערט לאנג, און פלוצלונג איז רבי חיים מענדל קראנק געווארן מיט א שווערע קרענק, און צוליב זיינע שווערע און ווייטאגליכע יסורים האט ער נישט געהאט די מעגליכקייט צו מיטפארן מיט רבי בעריש אויף די 'נסיעה' צום הייליגן רבי'ן, ווי זייער שטייגער איז געווען שוין פון יארן פריער.

ווען רבי בעריש איז אליין אנגעקומען צום רבי'ן, האט זיך דער רבי געוואונדערט און אים געפרעגט: פארוואס ביסטו דאסמאל אליין געקומען? און וואו איז חיים מענדל?

הערנדיג די ווערטער האט רבי בעריש אנגעהויבן צו וויינען, הייסע טרערן האבן גערינען פון זיינע אויגן ווען ער האט דערמאנט די שווערע קרענק וואס האט באטראפן זיין גוטער און נאנטער פריינד. ער האט אויך צוגעגעבן אז אפילו די דאקטוירים ווייסן נישט דער באדייט פון די קרענק, און עס געלונגט זיי נישט צו אנטפלעקן די סיבה פארוואס ער איז אנגעגריפן געווארן מיט אט די אומפארשטענדליכע קרענק.

"די סיבה דערצו איז זייער פשוט"! האט דער רבי געזאגט צו רבי בעריש, און דערביי האט ער אים אנטפלעקט א געוואלדיגע געהיימניס, מִכִּבְשׁוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. "ווי עס זעט אויס, האט חיים מענדל מיר נישט געפאלגט, נאר ער האט אנגעהויבן צו פארקויפן פון זיינע שטחים און הייזער, כדי צו געראטעוועט ווערן פונעם דרוק פון די פילע מאָנער וואס האבן אים ארומגערינגלט. – איך ווייס נישט צי מען קען אים נאך העלפן... אבער פאר דיר רבי בעריש, קען איך אנטפלעקן וואס עס ליגט דא באהאלטן.

***

דער הייליגער רבי האט אנגעהויבן מיט די ווערטער פונעם **זוהר הקדוש** אין פרשת פנחס (ח"ג רטז.), אז די נשמה וועט נאר אראפקומען דריי מאל אין א גלגול אויף דער וועלט. וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ (בקיצור): "הֶן כָּל אֵלֶּה יִפְעַל קֵל פַּעֲמַיִם שָׁלוֹשׁ עִם גָּבֶר (איוב לג, כט), אִלּוּ רַשִׁיעַיָּא דְּאִתְּמַר עֲלַיְיהוּ [דאס זענען די רשעים, וואס אויף זיי שטייט אין פסוק, עמוס ב, ו] 'עַל שְׁלֹשָׁה פִּשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל', בָּתַר דְּקִלְקְלוּ גַּרְמַיְיהוּ תְּלָת זִמְנִין [נאכדעם וואס זיי האבן זיך קאליע געמאכט דריי מאל אין א גלגול] וְלָא זָכוּ, 'עַל אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ', וְאִתְדָּנוּ [און זיי ווערן גע'משפט] בַּגֵּיהִנֹּם בְּמַשְׁחִית אַף וְחֵמָה וכו'. אֲבָל לְחַיָּיבַיָּא לֹא אַיְיתֵי לֵיהּ יַתִּיר מִתְּלַת זִמְנִין [פאר די שולדיגע לייגט מען נישט מער ווי דריי מאל אין א גלגול]. וְאִי חָזַר בִּתְיוּבְתָּא, אִתְּמַר בֵּיהּ [און אויב ער האט זיך צוריקגעקערט און תשובה געטון, ווערט געזאגט אויף אים, ברכות דף נו.] גָּלוּת מְכַפֶּרֶת עָוֹן וכו'". ביז אהער פונעם זוהר הקדוש.

[זע **אלשיך הקדוש** (ויקרא יג, ז) וואס לויט דעם געבט ער צו פארשטיין דער טעם פארוואס דער כהן וואס ער איז דער וואס מאכט ריין די נפשות, טוט נאר פארשפארן דער נֶגַע צָרַעַת צוויי מאל, און ביים דריטן מאל אויב דער נגע ווערט נישט ריין טוט אים דער כהן מאכן טמא און ער שטופט אים אוועק צו די כוחות הטומאה אין גיהנם, זע דארט. און דערמיט ערקלערט דער **פנים יפות** (ויקרא כג, כד) דער פסוק אין **הושע** (ו, א־ב) "לְכוּ וְנָשׁוּבָה אֶל ה', כִּי הוּא טָרָף וְיִרְפָּאֵנוּ יַךְ וְיַחְבְּשֵׁנוּ, יְחַיֵּנוּ מִיֹּמָיִם, בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יְקִמֵנוּ וְנִחְיֶה לְפָנָיו". דאס מיינט צו זאגן, אז מיר זאלן תשובה טון און לאזן היילן די נִגְעֵי הַנֶּפֶשׁ, אז עס זאל זיין יְחַיֵּנוּ 'מִיֹּמָיִם', דאס זענען די צוויי גלגולים וואס דער מענטש קומט צוריק, צו פאררעכטן זיינע מעשים. אבער 'בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי', וואס דאס איז דער דריטער גלגול, מוז שוין זיין אז יְקִמֵנוּ וְנִחְיֶה לְפָנָיו, ווייל טאמער נישט וועט ער נישט צוריקקומען נאכאמאל אין א גלגול, נאר ער וועט חלילה נדחה ווערן און איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די כוחות הטומאה חלילה, זע דארט].

עס ווערט אבער ערקלערט אין די ספרים הקדושים, האט דער רבי ווייטער ערקלערט, אז צומאל געבט יא דער אויבערשטער, מיט זיין געוואלדיגע רחמנות און חסד, א פערטער געלעגנהייט צוריקצוקומען אין א גלגול. אזוי ווי עס איז מרומז אין די ווערטער פונעם זוהר הקדוש, דרש'נענדיג דעם פסוק "וְעַל אַרְבָּעָה לֹא אֲשִׁיבֶנּוּ", אז צומאל געבט דער אויבערשטער פיר מאל פאר א מענטש, און נאר נאך פיר מאל וועט ער אים שוין נישט צוריקברענגען. – אבער אין אזא אופן, וואס ער ווערט מגולגל א פערטער מאל אויף דער וועלט, מוז זיין אז זיין לעבן אויף דער וועלט זאל זיין פול מיט יסורים און ביטערניש, כדי דורכדעם זאל ער אנקומען צו זיין תיקון הנפש. און דאס איז אלץ פון די חסדים פון השי"ת וואס ער איז א רַחוּם וְחַנּוּן, און ער גראבט אויס א ספעציעלן לאך פארן תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ, וועלכער קומט אראפ אין א פערטן גלגול אויף דער וועלט, וואס דעמאלטס מוז שוין זיין דער תיקון פון זיין נפש, דורך די יסורים און עגמת נפש וואס ער וועט ליידן אין די חַיֵּי עוֹלָם הַזֶּה.

און וויסן זאלסטו, האט דער רבי צוגעלייגט שטילערהייט, אזוי ווי איינער וואס טיילט מיט א באהאלטענער סוד, אז דו און דיין חבר רבי חיים מענדל, געפינען זיך שוין דא אויף דער וועלט אינעם פערטן און לעצטן גלגול אויפן עולם הזה, און אייער נפש און נשמה זענען שוין געווען אנגעקניפט אין פריערדיגע גלגולים, און ביידע פון אייך זענען געשיקט געווארן אינאיינעם בחסדי השי"ת צו פאררעכטן אייער נשמה אינעם פערטן גלגול, ווען דער נפש ווערט פאררעכטן דורך די יסורים.

דעריבער האב איך זיך אנגעגארטלט מיט פילע תפילות און תחינות כדי צו פארגרינגערן פון אייך די יסורים לויט וויפיל מעגליך, אז עס זאל נישט זיין אזוי שווער און הארב. – צוליב דעם, איז נגזר געווארן אויף דיר רבי בעריש, אז דו זאלסט ליידן פון א שלעכטע ווייב, וואס דערמיט האסטו יוצא געווען דיין פליכט, און דו וועסט נישט ליידן חלילה פון שווערערע צרות, אזוי ווי דו זעסט ברוך השם אז דיין גאנצע הויזגעזינד זענען אלע געזונט און מוצלחים, אויך ביסטו אן עושר און דו שעפסט נחת פון דיינע קינדער, און די מאָס יסורים פונעם פערטן גלגול טוסטו באצאלן דורך דער צער וואס דיין ווייב מאכט דיר שטענדיג.

און פאר דיין חבר רבי חיים מענדל האב איך געהייסן אז ער זאל קיינמאל נישט האלטן ביי זיך קיין קעש־געלט, כדי אז דורכדעם זאלן אים די מאָנער אלעמאל נאכגעיאגן, און אזוי וועט ער שטענדיג ווערן נאכגעפאלגט דורך די בעלי חובות און זיי באצאלן צוביסלעך, און דערמיט האט ער מכפר געווען אויף די מאָס יסורים פונעם פערטן גלגול, ווען פון די אנדערע זייט האט ער אויך געלעבט מיט געזונט, נחת און פרנסה בריוח. – דעריבער ווען ער האט עובר געווען אויף מיין באפעל, און האט זיך גע'פטר'ט פון די יסורים פון די מאָנער, איז גלייך ארויפגעשפרינגען אויף אים די קרענק, פון וועלכע ער ליידט שווערע יסורים, רחמנא ליצלן, כדי צו ערגענצן דעם תיקון הנפש אינעם פערטן גלגול, אז די נשמה זאל ענדליך אנקומען צו איר ארט און איר נחלה בגנזי מרומים.

דעריבער איז כדאי פאר אייך ביידע, האט דער רבי אויסגעפירט, נאכן אנטפלעקן אביסל פון די **גִּלּוּיֵי עַתִּיק יוֹמִין**, אז איר זאלט אננעמען אט די יסורים **באמונה תמימה** מיט ליבשאפט און מיט אייער גאנצן ווילן, וויבאלד דורכדעם ווערט ערגענצט דער תיקון פון אייער נפש און איר פולשטענדיגע לייטערונג. און דורכדעם וועט איר זוכה זיין לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, אזוי ווי דער הייליגער נביא זאגט (ישעיה סד, ג) "עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ", **אמן**.

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173